ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת לך לך

באידיש

**503**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק שלישי

## לך-לך

מוסר פאַרן מענטש אויסצוגלייכן זיינע וועגן, און ווי אַזוי מען קען איבערדרייען די שלעכטע נייגונגען צו מעשים טובים און צו באַקומען שכר פאַר זיי.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון דריטער פרק


א. אַ מוסר ווי אַזוי דער מענטש זאָל ארויסלערנען פון אַלע פּאַסירונגען ארום אים, צו פאַרבעסערן זיינע וועגן. ......... ג

ב. ווי אַזוי קען אַ מענטש זיך באַרימען מיט זיין שיינקייט און זיין געלט, און אויך מיט אַלע שלעכטע מדות, זיי צו טוהן בהיתר, אַז ער זאָל באַקומען שכר דערויף. ......... ד

ג. אַ מענטש דאַרף אַרויסלערנען אַ מוסר השכל פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג, און זיך באַטראַכטן וואָס עס איז אים איבערגעבליבן פונעם גאַנצען טאָג. ......... ח

ד. ווי אַזוי קען אַ מענטש פאַר זיך אָנגרייטן פון אַלעם גוטן דורך זיין מחשבה. ......... ח

ה. ער זאָל נישט בועט זיין אין די נסיונות און יסורים וואָס קומען ח"ו אויף אים, און ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אברהם אבינו ע"ה, וואָס טראָץ דעם וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען פיל צרות און ליידן, האָט ער נישט אָפּגעקערט פונעם אויבערשטעניס וועג, און נאָך צוגעלייגט אהבה צו זיין ליבשאַפט פאַרן באַשעפער. ......... י

# פרק שלישי

## אַ מוסר ווי אַזוי דער מענטש זאָל ארויסלערנען פון אַלע פאַסירונגען ארום אים, צו פאַרבעסערן זיינע וועגן.

**א. יבין הקורא,** זאָל פאַרשטיין דער וואָס לייענט און זאָל קלוג ווערן דער וואָס הערט, דו, מענטש, נעם אָן מיין שטראָף און לייג אַריין מיינע רייד אין דיין האַרץ. הויב-אויף דיינע אויגן און באַטראַכט דיין גוף, וועסטו זיך אויסלערנען צו פאַרבעסערן דיינע וועגן. זאָלן דיינע אויגן זען די פייכטקייט וואָס קוועלט פון דיין נאָז, און די מיאוסע וואַסער וואָס שאַפט זיך אין דיין גוף, און וואָס עס גייט אַרויס פון דיר ביים לעבן.

**ובהתגבר,** און ווען עס שטאַרקט זיך אַביסל היץ פון די סאָרטן קדחת וואָס קומען אָפט אויף דעם מענטשן, ווערט שוין פאַרענדערט זיין פנים און זיין גוף ווערט איינגעבויגן, אָדער ווען עס שפּראָצט אין זיין לייב אַ געשווילעכץ, אַ וואונד, אַ בייל אָדער אַ מכה, מאַכט עס אים אַ שלעכטן ריח, און די מענטשן אַנטלויפן פון אים און די פליגן קריכן אויף אים און די ווערים שטאַרקן זיך און זיין בעט ווערט פאַרמיאוסט.

**והוא,** און ער ווערט אַזוי ווי אַ דערשלאָגענער, מען פילט גאָרנישט זיינע רייד און ער ווערט ווי אַ שטיק ליים, קיין מענטש קען אים נישט דערקענען און ער טוט זיפצן פון דאָרשט, צוליב דער היץ וואָס ברענט אין אים, און זיין קול ווערט נישט געהערט. מען קען נישט הערן זיינע רייד צוליב זיין שלאַפקייט און זיין אָטעם גייט זייער שטיל ביז די נשמה גייט פון אים אַרויס מיט גרויס ווייטאָג. און אַז זיין קרענק דויערט פיל טעג זעט ער זיין בראָך און זיין גוף ווערט איינגעשרומפּן ביז זיינע ביינער ווערן אַרויסגעזען גלייך ווי אַ סוטה. זיין געשטאַלט

ווערט פאַרענדערט און זעט אויס ווי אַ מאַלפע און אַלע וואָס זעען אים דערקענען אים נישט.

**ואפילו**, און אפילו זיין ווייב און קינדער וועלכע זענען געוואוינט געווען מיט אים, לייקענען אין אים און זאָגן, דאָס איז נישט אונזער פאָטער, און זיין ווייב קלאָגט און זאָגט, ווי געשריגן, ער איז שוין נישטאָ, ווייל ער איז גלייך ווי אַ קינד און האָט שוין נישט קיין געשטאַלט, און ליגט אין בעט און זיין הרגשה איז שוין בטל געוואָרן ביז זיי ווערן פאַראומערט און פאַרמיאוסט פון זיין לעבן, און זיי טוען תפלה אויף די פיר ווינקלען פון הויז אַז ער זאָל שוין שטאַרבן און מען זאָל אים שוין אויסרוימען פון דער היים.

**ווי אַזוי קען אַ מענטש זיך באַרימען מיט זיין שיינקייט און זיין געלט, און אויך מיט אַלע שלעכטע מדות, זיי צו טוהן בהיתר, אַז ער זאָל באַקומען שכר דערויף.**

**ב. ולאיש**, און צו אַ מענטש וואָס האָט דאָס דאָזיגע אויף זיך, ווי קען ער זיך באַרימען מיט זיין צורה און ווי קען ער זיך גרויס האַלטן מיט זיין שיינעם גוף און מיט זיין הויכן וואוקס, און מיט זיין שטאַרקייט, צו זאָגן, מיין שטאַרקער כח האָט פאַר מיר איינגעזאַמלט דאָס גוטע, און ווי קען ער זיך האַלטן בגאוה מיט זיין גרויס עשירות און מיט די שיינע קליידער, און ווי זאָל ער זיך שטאַרקן אויף זיין חבר און ווי זאָל ער זיך פרייען מיט זיין גוטס און מיט זיינע פיל קינדער און מיט דעם כבוד וואָס פרעמדע מענטשן גיבן אים, ווי זאָל ער רעדן מיט כעס צו זיין חבר און ווי זאָל ער זיך געוואוינען צו עסן זיסע שפייז און טרינקען וויין.

**ואיך**, און ווי זאָל ער גלוסטן צו שפּאַצירן אין גערטנער צו הערן דאָס קול פון פייגל, און ווי זאָל אים זיין זיס דאָס קול פון זינגען און שפילן, און ווי זאָל ער זיך באַצירן מיט שיינע צירונג, און ווי זאָל ער זיך שמירן מיט בשמים פון גוטן ריח, און ווי זאָל ער זיך פרייען מיט

זיין לויטער לשון, און ווי זאָל ער לויפן ווי אַ הירש אין פעלד, און ווי זאָל ער אָנפילן זיין מויל מיט געלעכטער, אַז נאָך דעם אַלעמען קומט צער און זאָרג און טרויער אַזוי ווי פריער איז געשטאַנען.

**ועתה,** און אצינד, הער צו מיין קול איך וועל דיר אַן עצה געבן און דער אויבערשטער וועט זיין מיט דיר און דו וועסט אויסלעבן דיינע טעג און יאָרן אין גוטן און אין זיסקייט, און דו וועסט נעמען אַ גוטן שכר פאַר דיין האָרעוואַניע אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אַז דו זאָלסט פון דעם אַלעם וואָס אויבן שטייט געניסן אויף אַ גוטן אופן. דער מענטש זאָל זיך פרייען מיט זיין צורה און זיין געשטאַלט צו לויבן און באַשיינען דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער האט באַשאַפן דעם מענטש ענלעך צו די מלאכים.

**און** דער מענטש זאָל זיך דערהויבן מיט זיין גוף, אַז עס קומט ח״ו אַ צרה אויף אַ ציבור זאָל ער צוהעלפן און אָנוואַרפן אַ פאָרכט און פחד אויף די וואָס ווילן מצער זיין פיל מענטשן אָדער איין מענטש.

**ויתגדל,** און זאָל זיך שטאַרקן מיט שטאַרקייט צו שטיצן די וואָס האָבן אַ נידעריג געמיט און צו יעדן וואָס ווערט נאָכגעיאָגט פון זיין חבר און צו העלפן אַן אָרימאַן, אַן אלמנה און אַ יתום, און מיט זיין פיל עשירות זאָל ער געבן צדקה צו אָרימעלייט, און זאָל מחזיק זיין די וואָס לערנען, און טאָן גמילות חסדים, און באַקליידן דעם וואָס האָט נישט קיין קליידער, און קויפן ספרים צו באָרגן אַנדערע צו לערנען, און שפייזן דעם וואָס בעט עסן, און מאַכן ישיבות, צו טיילן זיך מיט די שכר פון זייער לערנען, אויף עולם הבא, אַזוי ווי שבט זבולון מיט יששכר; און זיך שטאַרקן קעגן זיין חבר וואָס האָט גערעדט קעגן די אָרימעלייט אָדער ער האָט גערעדט אַזעלכע רייד קעגן דער תורה און דאָס גלייכן.

**ויגיל,** און ער זאָל זיך פרייען מיט זיינע פיל קינדער און מיט זיין גוטס וואָס דער אויבערשטער האָט אים באַשאָנקען מיט

קינדער, און ער האָט אים געהאָלפן ער זאָל זיי אויפציען צו לערנען תורה, כדי זיי זאָלן דינען דעם באַשעפער און זאָלן הייליגן זיין נאָמען מיט זייער גאַנצן האַרץ און מיט זייער גאַנצע נשמה.

**וישיש**, און ער זאָל זיך פרייען מיט דעם כבוד וואָס ער באַקומט כדי דורך דעם צו רעכט-פאַרטיגן זיינע וועגן, כדי מענטשן זאָלן ביי אים נישט זען קיין שלעכטע מעשים וועלן זיי אים שוין נישט וועלן אָפּגעבן כבוד.

**ויתחזק**, און ער זאָל זיך שטאַרקן מיט זיינע כחות מקיים צו זיין דעם פסוק "**והגית בו יומם ולילה**", דו זאָלסט רעדן און טראַכטן אין דער תורה טאָג און נאַכט. און מקיים צו זיין די מצוות און באַדינען תלמידי חכמים און צו גיין אין אַ שליחות מצוה, און ער זאָל רעדן מיט כעס ווען ער דאַרף, כדי צו פאַרמיידן פון אַן עבירה, און צעברעכן די שטאַרקייט פון דעם רשע און שטראָפן די וועלכע זענען עובר אויפן באַשעפער'ס ווילן.

**ויתענג**, און ער זאָל זיך זעטיגן מיט זיסע שפייז און זיסע געטראַנקען, כדי צו לויבן דעם וואָס האָט דאָס אַלץ באַשאַפן, אויף יעדן מיט זיין ברכה, און מְעַנֵג צו זיין דעם שבת און יום טוב, ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, דו זאָלסט הייליגן דעם שבת און יום טוב מיט עסן און טרינקען און קליידער, און צו טרינקען וויין אויף אַ סעודת מצוה, דהיינו, אום שמחת תורה, און אויף אַ סיום מסכתא און אויף אַ ברית מילה און אויף אַזאַ חתונה ווען אַ תלמיד חכם נעמט אַ טאָכטער פון אַ תלמיד חכם, און דאָס גלייכן.

**ויתאוה**, און ער זאָל גלוסטן צו שפּאַצירן אין גערטנער דאָרט צו זיין אַליין, כדי ער זאָל קענען טראַכטן אין דער תורה, צו דערגרייכן אירע סודות און צו הערן דאָס קוויטשען פון פייגל כדי צו געבן אַ לויב צום באַשעפער פון דער וועלט, וואָס ער האָט אַלץ באַשאַפן פון זיין כבוד וועגן און אַלע זאָגן שירה פאַר אים מיט דעם

קוויטשען פון זייער מויל, באַקאַנט צו מאַכן אַז עס איז נישט דאָ קיין גאָט אויסער אים. און זאָל צורעכט מאַכן זיין בעט מיט דינע ליילעכער אום שבת און יום טוב פאַרן אויבערשטנ׳ס וועגן און לכבוד דעם הייליגן שבת און יום טוב.

**ויתעדן,** און ער זאָל זיך דערקוויקן מיטן שלאָף אינדערפרי, אויב ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געלערנט און געדינט דעם אויבערשטן,
און אַז ער ווערט שלעפעריג אינדערפרי און פאַלט אַוועק און ווערט אַנטשלאָפן, דעמאָלט זאָל אים זיין זיס דער שלאָף.

**ויערב,** און עס זאָל זיס זיין צו אים געזאַנג און שפּילן צו זינגען און לויבן זיין באַשעפער, צו דערציילן אַ טייל פון זיינע וואונדער,
און ער זאָל זיך באַצירן מיט ריינע קליידער בשעת ער וויל דאַווענען,
און ער זאָל אינזינען האָבן אַז עס זאָל נישט געפינען ווערן קיין פלעק אויף זיינע קליידער, און ער זאָל האָבן באַזונדערע קליידער דערויף.

**וישמח,** און ער זאָל זיך פרייען מיט זיין לויטער לשון, אַז ער זאָל דרש׳ענען פאַר אַ סאַך מענטשן זיסע רייד פון דער תורה און צו זאָגן פאַרן פאָלק דעם גוטן וועג וואָס זיי זאָלן דערין גיין, און מיט זיין שיין לשון זאָל ער מנצח זיין און באַזיגן די אפיקורסים, ער זאָל ווייזן אַז זייערע רייד האָבן נישט קיין ווערט.

**ויסד,** און ער זאל באַשמירן זיין לייב מיטן גוטן בוימל און בשמים כדי עס זאָל פון אים אַראָפּגיין דער שווייס אַז מענטשן זאָלן זיך נישט דערווייטערן פון אים און וועלן הערן זיינע שטראָף-רייד און זיינע נייע זאַכן וואָס ער זאָגט אין דער תורה. און ער זאָל גיך לויפן צו אַ דבר מצוה און זאָל זיין געאיילט צו אַנטלויפן פון אַן עבירה גאָר ווייט.

**ולרוץ,** און ער זאָל לויפן צו ראַטעווען אַ מענטש פון אַ רוצח וואָס וויל אים באַרויבן, און ער זאָל זיך לוסטיג מאַכן משמח צו זיין חתן וכלה, און אַז ער וועט הערן די הילף פון גאָט און חידושי

תורה וועלכע זענען באַנייט דורך די חכמים, אויב דו וועסט אַזוי טוהן וועסטו זיך פרייען אויף דער וועלט און דו וועסט נעמען אַ גוטן שכר אויף יענער וועלט.

## אַ מענטש דאַרף אַרויסלערנען אַ מוסר השכל פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג, און זיך באַטראַכטן וואָס עס איז אים איבערגעבליבן פונעם גאַנצען טאָג.

**ג. הטה,** נייג דיינע אויערן און פאַרנעם צו לערנען זיך אַליין מוסר פון דעם נעכטיגן טאָג אויפן היינטיגן טאָג, ווייל די אַלע תענוגים וואָס דו האָסט דיר אָנגעטוהן אין דעם נעכטיגן טאָג וואָס קומט דיר היינט דערפון אַרויס, און אַז דו וועסט היינט אויך אַזוי טוהן, וועט דיר מאָרגן דערפון אויך נישט אַרויסקומען ביז צום סוף פון דיינע טעג וועט דיר פון אַלע פריערדיגע טעג גאָרנישט אַרויסקומען, און אַזוי האָסטו פאַרבראַכט אַלע דיינע טעג אין נאַרישקייטן.

**פוק,** גיי און משפט זיך אַליין, און זאָג צו זיך אַליין, קען עס דען די ערד פאַרטראָגן אַז איך זאָל מיר אָנגרייטן אַזעלכע נקמות וואָס קיין פיינט וואָלט מיר זיי נישט געקענט טוהן, אַנשטאט וואָס עס איז ביי מיר אין די הענט און איך מיין רשות צו פאַרברענגען אַלע מיינע טעג מיט תורה און מצוות, און איינצוזאַמלען ביסלעכווייז לויט מיין יכולת און לויט מיין פאַרשטאַנד.

## ווי אַזוי קען אַ מענטש פאַר זיך אָנגרייטן פון אַלעם גוטן דורך זיין מחשבה

**ד. ואם,** און אויב איך פאַרשטיי נישט אין דער תורה, קען איך כאָטש טראַכטן מחשבות צו טוהן מצוות און דער אויבערשטער איז מצרף אַ מחשבה צו אַ מעשה און איך וועל פאַר די מחשבות באַקומען שכר ווי פאַר אַ מעשה. ממילא וועל איך יעדן טאָג מרויח זיין אַזאַ גוטס וואָס קיין אויג האָט עס נאָך נישט געזען נאָר דער אויבערשטער אַליין. אַזאַ אָרט וואָס קיין שום האַנט האָט דאָרט נישט

קיין שליטה, צו זעטיגן דאָרט מיין נשמה מיט לויטערקייט, אַז איך וועל אַוועקגיין פון דער וועלט און דאָס וועט מיך ראַטעווען פון יעדן מזיק און משטין, אויסצורופן פאַר מיר, געבענטשט ביסטו אין דיין אויסגאַנג און מיט שלום איז דיין קומען, ביז מען וועט מיך ברענגען צו דעם אָרט וואָס איך האָב פאַר זיך אָנגעגרייט מיט מיינע מעשים, און איך וועל זיין אונטער דעם כסא הכבוד פון מיין באַשעפער, און איך וועל זיך דאָרט זעטיגן פון דער לויטערקייט פון זיין שטאַרקער שכינה.

**ואם,** און אַז דו וועסט אַזוי טראַכטן, זאָלסטו וויסן באמת, אַז דו וועסט זוכן דעם וועג וואָס וועט געבן רו פאַר דיין נשמה.

**וכיון,** און ווייל עס איז ביי דעם מענטש אין די הענט און אין זיין יכולת אָנצוגרייטן פאַר זיך אַלעס גוטעס, אַפילו דורך אַ גוטע מחשבה אַליין, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, און ער טוט נישט אַזוי, איז דען דאָ אַ סוף צום בייזן וואָס וועט דערגרייכן זיין נשמה דעמאָלט ווען זי וועט זיך שיידן פון דעם גוף, וואָס זי האָט צוגעהערט זיין עצה זיך איינריכטן מיט זיינע שלעכטע מעשים.

**לכן,** דעריבער, דו מענטש, דערבאַרעם דיך אויף זיך אַליין, ווייל קיין שום בריה וועט דיך נישט קענען ראַטעווען פון די משפּטים און רוגזה וואָס דו האָסט אויף דיר געברענגט פון דעם טאָג ווען דו ביסט געקומען אויף דער וועלט ביז דעם טאָג ווען דיין נשמה שיידט זיך פון דעם גוף.

**עס** איז אין דיין האַנט און אין דיין רשות תשובה צו טוהן איין טאָג פאַר דיין טויט, ווייל עס איז אַלץ אין דיינע הענט, און מען גיט דיר אַ גוטן שכר פאַר דיין מי וואָס דו האָסט זיך געמיט, מיט רייד אַליין, דערמיט וואָס דו זאָגסט "חטאתי עויתי פשעתי" אויף דעם אַלעמען וואָס איך האָב עובר געווען אויף אַלע מצוות.

**וכיון,** און ווייל דו קענסט מיט רייד אַליין זיך מציל זיין פון דעם טויט, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**קחו עמכם דברים**

**ושובו אל ה׳״**, נעמט מיט זיך רייד און קערט זיך אום צום אויבערשטן, און אַז דו האָסט זיך דערצו אויך געפוילט, איז דען דאָ אַ צאָל צו די יסורים וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר דיין זעל?

* * *

**ער זאָל נישט בועט זיין אין די נסיונות און יסורים וואָס קומען ח״ו אויף אים, און ער זאָל זיך אָפלערנען פון אברהם אבינו ע״ה, וואָס טראָץ דעם וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען פיל צרות אוןליידן, האָט ער נישט אָפגעקערט פונעם אויבערשטענ׳ס וועג, און נאָך צוגעלייגט אהבה צו זיין ליבשאַפט פאַרן באַשעפער.**

**ה. הבט**, גיב אַ בליק און זע אונזער פאָטער, אברהם, דער ערשטער פון די גלויבערס, וואָס ער האָט דערקענט זיין באַשעפער פון ווען ער (אברהם) איז געוואָרן דריי יאָר אַלט, און ער האָט זיך מטריח געווען צו טוהן דעם ווילן פון זיין באַשעפער, און האָט זיך איבערגעגעבן אין קאַלך-אויוון אַריין, ווייל ער האָט ליב געהאַט דעם אויבערשטן, און אויך אַנדערע נסיונות וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, וואָס ער האָט אים געהייסן אַוועקגיין פון זיין לאַנד און פון זיין משפחה און פון זיין פאָטער׳ס הויז, און כאָטש ער האָט אים צוגעזאָגט אַז דאָרט (וואו ער וועט גיין) וועט ער האָבן געלט און אַ גוטן נאָמען און קינדער, פונדעסטוועגן האָט אברהם עס נישט געטאָן צוליב דעם, נאָר ער איז געגאַנגען מקיים זיין די רייד פון באַשעפער, און נישט כדי צו נעמען דעם שכר דערפאַר.

**ואף**, און אויך דערנאָך, ווען דער אויבערשטער האָט אים שוין צוגעזאָגט די אַלע אויבנדערמאנטע זאַכן, האָט ער געליטן גרויסע צרות. ער האָט געגידערט קיין מצרים און איז געווען אין אַ סכנה, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו שרה, איך האָב מורא אַז מען וועט מיך הרג׳ענען, און זיין ווייב איז טאַקע גענומען געוואָרן צו פרעה, און

דער אויבערשטער האָט זי מציל געווען און האָט געשלאָגן פרעה׳ן מיט גרויסע שלעק.

**ואחר**, און דערנאָך האָט ער אויך נישט געהאַט קיין שלוה. ער האָט געהערט אַ צרה אַז זיין פריינט לוט איז געפאַנגען געוואָרן, האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן אים צו ראַטעווען, און דערנאָך האָט אים דער אויבערשטער געלאָזט וויסן אַז זיינע קינדער וועלן זיין אין גלות און מען וועט מיט זיי אַרבעטן און מען וועט זיי פייניגן פיר הונדערט יאָר, און דאָרט איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן וועגן אַנדערע גלויות, וואָס זיינע קינדער וועלן האָבן, האָט ער זיך געזאָרגט וועגן דער צרה פון זיינע קינדער.

**אחר**, דערנאָך איז געוואָרן אַ מחלוקת אין זיין הויז, צווישן שרה און הגר, און דער צער פון דעם וואָס עס איז דאָ אַ מחלוקת אין שטוב איז ערגער פון אַלעם, און די מחלוקת איז געווען אַזוי גרויס ביז עס איז געקומען דערצו אַז שרה האָט איר דין איבערגעגעבן צום אויבערשטן, זי האָט אים געזאָגט ״חמסי עליך״, מיין אומרעכט וואָס איך האָב פון הגר איז אויף דיר, דו ביסט שולדיג דערין, און ער האָט געליטן און האָט געשוויגן.

**נאָך** דעם אַלעם האָט דער אויבערשטער אים געהייסן ער זאָל זיך מל זיין, און ער האָט עס מקבל געווען באהבה און האָט זיך נישט געפוילט, כאָטש ער האָט געוואוסט וועגן דעם גרויסן צער וואָס ער וועט האָבן דערפון, און האָט נישט מהרהר געווען נאָכן אויבערשטנ׳ס מדות, כאָטש דאָס אַלץ איז דאָך געווען פאַרקערט פון דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אים צוגעזאָגט, נאָר אדרבא, ער האָט נאָך געוויזן ליבשאַפט אויף זיין ליבשאַפט און האָט נישט אָפּגעקערט פון אויבערשטנ׳ס וועג ווען ער האָט געלעבט, און האָט נאָך געבאָטן זיינע קינדער נאָך אים אַז זיי זאָלן דינען דעם אויבערשטן.

**הבט**, זע וויפיל אברהם אבינו האָט זיך מטריח געווען צו דערפילן

דעם אויבערשטנ׳ס ווילן, און דו, מענטש, כאָטש דו ביסט אַלע דיינע טעג נאָכגעגאַנגען נאָך דער דאָזיגער נאַרישקייט, אַז דו וועסט זיך אומקערן מיט רייד מתוודה צו זיין אויף דיינע זינד, אפילו צום סוף פון דיינע טעג וועסטו גאַנץ מאַכן דיין נשמה, ווייל אויף דעם אָרט וואָס די בעלי תשובה שטייען אין גן עדן קענען רעכטע צדיקים נישט שטיין. און אויב דו וועסט זיך נישט צוהערן צו דער דאָזיגער עצה, זאָג אַליין אויב מען דאַרף זיך אויף דיר דערבאַרעמען ווען מען וועט דיך ברענגען צום משפט.

❀ ❀ ❀